

# י"ג עיקרים
# מידת הרחמים אדער מידת הדין?

## דער ציל און תכלית פון די י"ג עיקרי הרמב"ם, און דער באדייט פון די דעות החולקים

## הרב יצחק לאווי
### בית מדרש עיון למחשבה

אין אונזער "בית מדרש עיון למחשבה" האבן מיר געברענגט א חידוש צום עולם התורה. עס זענען פאראן מענטשן וואס לערנען סוגיות בעיון, בפרט אויפ'ן וועג וואס איז רגיל היינט אין ישיבות, וואס איז א שטארק-שכל'דיגער אנאליטישער וועג פון דורכטון זאכן. מען לערנט א זאך פון די ערשטע מקורות, פון דער גמרא און פון די ראשונים, מען טוט דורך דעם לאגיק און סברא פון יעדער זאך, און מען פראבירט צו פארשטיין אלע צדדים פון דער סוגיא פארוואס דער האלט אזוי און יענער אזוי, וואס איז זיין מקור, וואס טוט די אנדערע שיטה מיט דעם מקור און דער סברא, וכו'. מען נעמט נישט קיינעם אויפ'ן ווארט, נאר מען איז מברר יעדע זאך צי מען פארשטייט עס באמת אדער נישט.

ווייטער זענען פאראן מענטשן וואס האבן א געשמאק אין מער פנימיות'דיגע ענינים פון תורה. זיי באגנוגן זיך נישט מיט'ן לערנען הלכות מוקצה און תפילין; זיי ווילן אויך וויסן וואס עס מיינט תפילין, ווער איז דאס דער אויבערשטער, און פארוואס מיר היטן שבת. געווענליך הערן זיי פון פארשידענע משפיעים און ספרים וואס זענען מסביר זאכן אויף א טיפערן אופן און זענען מקרב די עניינים אל השכל ואל הלב.

אין אונזער בית מדרש לערנען מיר די עניינים פון מחשבה המושכים את הלב, אבער מיר טוען דאס דורך פונקט ווי מען טוט דורך סוגיות אין ישיבה. נישט מען לערנט עפעס א חסידיש ספר פון אן אחרון און מען גלייבט אלעס וואס ער זאגט, נאר יעדע נושא וואס מיר לערנען פאנגען מיר אן פון די ערשטע מקורות, וואס עס שטייט אין פסוק, וואס עס שטייט אין דער גמרא, וואס עס שטייט אין רמב"ם. מען לערנט דאס אינעווייניג, און מען פראבירט צו פארשטיין די סברא פון יעדער שיטה, און מען איז בודק טאמער שטימט דאס אין די מקורות און אין דער סברא.

דעם זמן האבן מיר אנגעהויבן מיט לערנען די נושא פון "עיקרים". אינעם פאלגנדן מאמר ברענגען מיר א בירור און א חידוש וואס מיר האבן מחדש געווען צו פארשטיין שיטת הרמב"ם והחולקים עליו אין דער נושא, וואס וויפיל איך האב געזען רירט נישט קיינער פון די מפרשים אן דעם ענין. די סוגיות זענען אין א געוויסער זין א פרישער פעלד וואס ווייניג לערנען בעיון, און עס איז דא אסאך פלאץ להתגדר בה.

# סידור התורה

לאמיר, אויב אזוי, צוריקגיין צו אונזער ערשטער שאלה: וויאזוי קען זיין אז די חשוב'סטע זאך אין אידישקייט ווערט נישט פארמאלירט ביז דעם רמב"ם? מ'קען טענה'ן, ווי עס טענה'ן טאקע חולקים אויף דעם רמב"ם, אז דאס איז א סימן אז דאס איז נישט די חשוב'סטע זאך, אדער אז אפשר איז בכלל נישטא אזא מושג ווי א חשוב'ערע זאך אין אידישקייט, נאר אלע מצוות זענען דאס זעלבע חשוב.

איך מיין אבער אז דא ליגט עפעס מער פון דעם. ווען מיר פרעגן אזא שאלה, דארפן מיר דאך טראכטן אויף וועמען מיר פרעגן עס. ווען עס וואלט געווען דער סדר פון דער תורה און חכמים אין אנדערע נושאים צו רעדן באופן מסודר, פון א כלל ביז א פרט פון אן עיקר ביז א טפל, אויף דעם לאגישן סדר וואס מיר זענען היינט צוגעוואוינט, וואלט טאקע געווען דא א גרויסער קשיא, הייתכן אז זיי זענען נישט מסדר קודם דאס וואס איז דער כלל פון אלע כללים אדער דער וויכטיגסטער יסוד, דהיינו די אמונות עיקריות וואס זענען מגדיר אידישקייט, און נאכדעם די פרטים. עס איז אוודאי דער גרעסטער כלל פון אלע כללים, אז פאר מען לערנט הלכות מוקצה דארף מען דאך לערנען וואס הייסט זיין א איד. ווען דער סדר פון דברי חז"ל וואלט אזוי געווען, וואלט טאקע געווען שווערער די קשיא אז דארט וואו מען טרעפט שוין יא חז"ל רעדן פון טעאלאגישע ענינים, זענען זיי נישט מגדיר דורך זיי וואס עס איז דער עיקר פון יהדות און וואס איז דער גדר פון איינער וואס האלט מיט די אידישע רעליגיע.

ווען מיר לערנען אבער דברי חז"ל ביז'ן רמב"ם, טרעפן מיר נישט אזא סארט זאך אין קיין שום ענין. ווען חז"ל לערנען הלכות מוקצה הייבן זיי אויך נישט אן מן הכלל אל הפרט. זיי זאגן נישט דאס איז דער גדר עיקרי פון מוקצה און פון דעם קומען זיי אן צו לערנען אלע פרטים וואס קומען ארויס פון דעם. נאר, ווי יעדער איינער וואס האט אמאל געלערנט משנה און גמרא ווייסט, די משנה הייבט זיך געווענליך אן מיט א פראקטישע שאלה וואס איז שכיח, און רעכנט אויס וואס מען טוט, און די גמרא פארט פון איין ענין צו א צווייטן מענין לענין באותו ענין. עס איז נישטא קיין שום סדר ווי מען פראבירט צו פארשטיין אויף א לאגישן סדר מן הכלל אל הפרט, צום ביישפיל אז די גמרא זאל אנפאנגען א סוגיא און זאגן, לאמיר קודם פארשטיין דער גדר פון מלאכת הוצאה און דורך דעם פארשטיין דער דין פון פשט העני וכו'. געווענליך ארבעט די גמרא פארקערט, מען האט א פראקטישע שאלה, און מען פרעגט אויב די הלכה איז אזוי וויבאלד די סברא איז אזוי אדער פארקערט.

דער רמב"ם איז דער ערשטער בעל הלכה וואס שטעלט אוועק זיינע הלכות אין א לאגישן סדר. יעדע נושא הייבט ער אן קודם פון דעם כלל, ביז ער קומט אן צו די פארשידענע פרטים. די שינוי איז נישט נאר א פראקטישער וויאזוי מסדר צו זיין א ספר, נאר איז א שינוי אין דעם גאנצן דרך המחשבה. פאר דער משנה און דער גמרא איז גוט געווען אן אסאציאטיוון סדר - רעדן פון איין ענין צום אנדערן וואס האבן א שייכות - אזוי האבן זיי פארשטאנען זאכן און אזוי האבן זיי געלערנט. אבער אין דעם רמב"מ'ס קאפ איז דאס נישט גוט געווען, פאר אים צו לערנען א נושא האט ער געדארפט לערנען אלעס מן הכלל אל הפרט - פארשטיין דעם גדר און דערנאך די פרטים.

אויב אזוי, ווען מען טראכט פון עניני אמונות ודעות, אדער אפילו ווען מען טראכט פון גאנץ אידישקייט, איז נישט באמת דא א קשיא אויף חז"ל פארוואס רעדן זיי קיינמאל נישט פון עיקרים. זייער קאפ איז בכלל נישט געלאפן אויף דעם מושג פון עיקרים און יסודות. אויב עפעס, נאך א גאנצער שמועס פון פארשידענע פרטים און זייטיגע זאכן וועלן זיי אויספירן והלכתא כך וכך, אדער זה הכלל כך וכך. דאס איז אבער נישט די זאך וואס זייער קאפ דרייט זיך ארום איר. ממילא איז נישט ריכטיג צו ערווארטן אז חז"ל זאלן בכלל טראכטן פון דער שאלה, "וואס זענען עיקרי הדת?" און אוודאי נישט צו ערווארטן אז זיי זאלן מאכן א מסודר'דיגע ליסטע פון די עיקרים. ווען זיי טראכטן וואס א איד איז און וואס ער דארף טון, טראכטן זיי נישט אויף אזא סארט לאגישן סיסטעמאטישן אופן, נאר זיי טראכטן פון אלע פרטים און מעשיות. ווען עס קומט אבער דער רמב"ם, וואס זיין קאפ לויפט אויף אזא סארט לאגישן וועג, מוז ער אריינשטעלן די אלע הלכות און מאמרים פון חז"ל אין א מסגרת פון פרטים און כללים. פונקט ווי דער רמב"ם האט

געגומען גאנץ מסכת שבת און דאס מסכם געווען אויף אן אופן מסודר לפי שכלו, אזוי אויך האט דער רמב"ם גענומען אידישקייט בכללה, און איר מסכם געווען אויף אן אופן וואס זי האט כללים און פרטים, און האט מקדים געווען די כללים צו די פרטים.

# דרך הרמב"ם לכתוב שיוכלו לקיים

אז מיר הייבן אן צו פארשטיין וואס דער גאנצער פראיעקט פון דעם רמב"ם איז, קענען מיר גיין מיט א טריט ווייטער און צולייגן נאך א זאך. דער רמב"ם שרייבט אין עטליכע ערטער (זע הקדמת משנה תורה און אנפאנג איגרת תחיית המתים) פארוואס ער האט געמאכט אלע זיינע ספרים. מען דארף פארשטיין אז די ראשונים האבן נישט געשריבן ספרים ווי מענטשן שרייבן היינט - סתם ווייל זיי האבן געהאט חידושים אויף דער סוגיא פון 'כבתה' און האבן זיך געמוזט ארויסגעבן. אמאל פלעגט א מענטש נאר שרייבן א ספר ווען ער האט עפעס געוואלט מיט דעם אויפטון. ווען מען לערנט א פריערדיגן ספר דארף מען אלעמאל האלטן אין באטראכט נישט נאר וואס עס שטייט אין דעם ספר, נאר אויך וואס דער מחבר האט געוואלט מיט'ן שרייבן און מפיץ זיין א ספר. אסאך מאל פרעגן מענטשן שאלות אויף ספרים, ווי למשל, "פארוואס זאגט ער נישט אן אנדערן תירוץ?" און זיי כאפן נישט אז אוודאי האט דער מחבר פארשטאנען אז עס איז דא אן אנדערן תירוץ, ער האט אבער געוואלט אויפטון עפעס מיט זיין ספר, און יענער תירוץ וואלט דאס נישט אויפגעטון.

דער רמב"ם האט נישט געשריבן משנה תורה וויבאלד ער האט גענדארפט שטארק ארויסגעבן די שיטת הרמב"ם אין יעדער הלכה. ער האט דאס געשריבן וויבאלד ער האט געזען אז די מקורות פון וואס מיר לערנען הלכה, דהיינו גמרא, זענען זייער קאמפליצירט, און עס איז דא אין זיי אן א שיעור ספיקות און מחלוקות. ביז אז א פשוט'ער מענטש, אפילו ער זאל זיין א שטיקל תלמיד חכם, איז כמעט נישט מעגליך ער זאל וויסן וויאזוי זיך צו פירן על פי הלכה פון דער גמרא אליין. אסאך מאל ווייסט א מענטש בכלל נישט אין וועלכער מסכת צו זוכן די שאלה וואס ער האט. צוליב דעם, שרייבט דער רמב"ם, האט ער גענומען אויף זיך א פראיעקט מסכם צו זיין גאנץ תורה שבעל פה. און ער האט דורכגעלערנט אלע מקורות פון חז"ל, און פון דעם מסכם געווען די הלכה למעשה פון יעדער זאך, צעטיילט אויף הלכות און פרקים לפי די נושאים, אזוי אז יעדער איינער זאל דאס קענען לערנען און וויסן די הלכה. אלס א הכנה צו דעם, כדי צו וויסן אז ער פארפעלט נישט קיין הלכות, האט דער רמב"ם געמאכט ספר המצוות וואס איז א רשימה פון אלע תרי"ג מצוות, און האט אנפאנג פון יעדער הלכה געשריבן וועלכע מצוות זענען נכלל אין דעם. אזוי האט ער געהאט א קלארע ליסטע פון אלע מצוות, און האט געקענט מאכן זיכער אז ער פארפעלט נישט קיין שום וויכטיגע הלכה אין זיין ספר.

שרייבט דער רמב"ם אין אגרת תחיית המתים, אז פונקט ווי ער האט געזען אז דער עולם איז אזוי צעמישט אויף עניני הלכה, אזוי האט ער אויך געזען איז געשען אין עניני אמונות ודעות. עס זענען פאראן אזויפיל פסוקים, אזויפיל מדרשים, מיט פארשידענע אמונות און געדאנקען וואס שטימען נישט אלעמאל איינס מיט'ן צווייטן, וואס א חלק פון זיי זענען אפילו נישט ריכטיג להלכה. און מענטשן לערנען די מקורות און קומען נישט ארויס בכלל קלאר וואס א איד דארף גלייבן. דאס איז גורם סיי א גרויסער פראבלעם מצד עצמו, אז א מענטש קען למשל מיינען אז דער אויבערשטער איז א גוף צוליב דעם וואס עס איז אזוי משמע אין פסוקים און מדרשים, און דאס איז נישט ריכטיג, און לויט דעם רמב"ם איז עס גאר א סארט עבודה זרה. און אזוי אויך איז דאס א פראבלעם מצד אידישקייט בכלל. עס קומען פארשידענע אנדערע אמונות, ווי קראים און נוצרים און מוסולמענער, און פארקויפן זייערע אמונות, און זיי בויען זיך אויף אויף סברות און פסוקים און מדרשים, און א מענטש וואס האט נישט קיין קלארקייט וויאזוי די הלכה איז אין ענייני אמונות, ווערט זייער צעמישט און ווייסט נישט צי זאל איך זיין א איד אדער א נוצרי אדער א קראי.

איבער דעם קומט דער רמב"ם, און פונקט ווי ער טוט לגבי הלכה, טוט ער די זעלבע לגבי אמונה. ער נעמט צוזאם פון אלע פסוקים און מאמרי חז"ל

המפוזרים בלי סדר הגיוני, און מאכט קודם כל א ליסטע פון די אלע וויכטיגע אמונות וואס זענען נוגע פאר א איד צו וויסן און נישט ווערן צעמישט. דאס איז די ליסטע פון י"ג עיקרים וואס שטייט אין פירוש המשניות. אז מיר האבן די ליסטע פון עקרים, האבן מיר שוין א התחלה פון א קלארן פסק וואס ווען איינער איז צעמישט אין אן ענין פון אמונה קען ער דארט אריינקוקן און זיך אויסקלארן. דערנאך ווען דער רמב"ם שרייבט ספר המדע, לייגט ער דארט אריין אויך די הלכות פון עניני אמונה וואס א איד דארף גלייבן, לויט דעם סדר וואס איז אים אויסגעקומען מסודר לויט די מצוות און ענינים ווי גאנץ משנה תורה. און אזוי וועט יעדער איד קענען לערנען דעם ספר און וויסן וואס א איד דארף גלייבן.

## העיקרים הם הטבה ולא צעקה

טאמער זענען מיר גערעכט מיט דער מהלך, קומט אויס אז דער עיקר אויפטו פון די י"ג עיקרים איז נישט אז מען זאל קענען שרייען אויף איינער וואס גלייבט נישט אין איינעם פון זיי אז ער איז א שייגעץ און אן אפיקורס. פונקט ווי דער עיקר אויפטו פון הלכות שבת איז נישט אז מען זאל קענען שרייען אויף איינעם וואס איז זיך טועה אדער עובר אויף איינער פון די הלכות אז ער איז א מחלל שבת. דער אויפטו פון די עיקרים איז דער זעלבער געוואלדיגער אויפטו פון דעם רמב"ם אין הלכה. אז יעצט ווען איינער האט א ספק וואס צו טון וועט ער גלייך קענען נאכקוקן אין רמב"ם און באקומען א קלארקייט אין דעם ענין.

דאס איז וויכטיג צו באטאנען וויבאלד מאיזה סיבה קוקען מענטשן אן דעם חידוש פון עיקרים ווי אזא מין גבורה און שלעכטקייט. כאילו דער תכלית זייערע איז דער שארפער געשריי אז ווער עס גלייבט נישט דאס איז נישט קיין איד. דאס איז אבער א טעות. אמת דער רמב"ם שרייבט ביים סוף פון די עיקרים מדגיש צו זיין זייער חשיבות און גדלות אז מיט דעם איז געבונג צו הייסן א איד, און ווער עס גלייבט נישט איז נישט קיין איד. דאס דארף מען אבער לייענען אז פונקט ווי אין הלכות שבת איז דער רמב"ם מסביר די גדלות פון שבת, פונקט אזוי אין הלכות אמונה איז ער מסביר די גדלות פון עיקרי אמונה. עס איז אבער נישט געשריבן געווארן כדי צו זיין א שטעקן פאר ווער עס וויל איינעם דוחה זיין פון כלל ישראל צו שרייען "שייגעץ ארויס." עס איז געשריבן געווארן מתוך הטבה וואס דער רמב"ם וויל מטיב זיין מיט צעמישטע אידן און זיי אויסקלארן די ריכטיגע אמונה על פי תורה (ויש עוד הסברים בענין זה ואכמ"ל).

תדע לך שכן הוא, ווייל ווי דער רמב"ם אליינס דערציילט אנפאנג הלכות עבודה זרה, און מער באריכות אין אגרת השמד, זענען שוין געווען פארשידענע תקופות אין כלל ישראל וואס רוב כלל ישראל האט געדינט עבודה זרה. ווי אין דער צייט פון אידן אין מצרים, אדער אין דער צייט פון אליהו הנביא, אדער שפעטער וואס עס זענען געווען אנדערע צעמישעניש, ווי די צייט פון חנוכה וואס רוב אידן, אדער א גרויסער חלק, זענען געווארן גוי'איש. אדער אפילו די צייט פון דעם רמב"ם אליין וואס אסאך זענען געווען קראים, און מוסולמענער האבן גוזר געווען שמדות און אסאך זענען געווארן אזוי, און אפילו די עדל'כע האבן אסאך געהאט טעותים אין עיקרי אמונה ווי אין הגשמה אדער אנדערע אמונות. און וואס זאגט דער רמב"ם מען זאל טון וועגן דעם? נישט אנפאנגען צו שרייען הויך "שייגעץ ארויס," נאר ווי דער אויבערשטער האט געטון מיט די אידן ווען זיי זענען געווען עובדי עבודה זרה אין מצרים, מאהבתו האט ער געשיקט משה רבינו, און ער האט זיי אויסגעלערנט די ריכטיגע אמונה. דאס זעלבע טוט דער רמב"ם אליין, ווען ער זעט אז אידן זענען זיך טועה אין עניני אמונות, נעמט ער צייט און שרייבט באריכות עיקרים, און ספר המורה און אנדערע מאמרים און הסברים, כדי זיי צו מסביר זיין און קלאר מאכן עניני אמונה.

(לויט דעם קען מען פארענטפערן דעם ראב"ד'ס קשיא אויפ'ן רמב"ם פארוואס ער רופט א מענטש וואס גלייבט אין הגשמה א 'מין' ווען גדולים וטובים ממנו טעו בזה. דער תירוץ איז אז אוודאי האט דער רמב"ם אליין פארשטאנען די גדולים וטובים, און ער איז נישט געקומען צו שרייען אויף זיי און זיי ארויסווארפן. נאר פארקערט, ער איז זיך מטריח און שרייבט לאנגע הסברים אויף די אלע פסוקים און מאמרים,

אלעס לתועלת די 'מינים' וואס טראכטן אז דער אויבערשטער איז א גוף. ווען דער רמב"ם וואלט ווען געהאלטן כפשוטו אז זיי זענען מינים און דינם כגוים, וואלט ער דען אוועקגעגעבן אזויפיל צייט און מי זיי מסביר צו זיין און מוכיח זיין? ער איז דאך א שייגעץ און אן אפיקורס, וואס האב איך מיט אים? נאר דער רמב"ם וואס זאגט אז ער איז א 'מין' רעדט לגבי דעם עצם אמונה, וואס לפי שיטת הרמב"ם איז דאס מינות צו טראכטן אזוי. דאס מיינט אבער נישט אז דער רמב"ם האלט אז דער וואס האט א טעות אין דעם דארף מען באלד ארויסווארפען כדין מין. פארקערט טאקע פאר אט די 'מינים' האט דער רמב"ם געשריבן אלע זיינע ספרים און הסברים בענייני אמונה.)

## הרמב"ם הועיל מכל מקום

אז מיר פארשטיין אזוי, פארשטייען מיר שוין גלייך אז פונקט ווי אין עניני הלכה איז געקומען דער ראב"ד און געשריגן חי וקיים אז מען קען נישט בלינדערהייט אננעמען די שיטת הרמב"ם אן לערנען אליין די גמרא, און האט געשריבן השגות זיך צו דינגען אויף יעדער הלכה וואס האט אים אויסגעזען נישט ריכטיג. פונקט אזוי איז אין דעם חלק פון עיקרי אמונה. ווי נאר דער רמב"ם האט געמאכט זיינע פסקים אין ענינים פון עיקרים, זענען באלד געקומען אנדערע און האבן זיך געדינגען אויף פארשידענע זאכן וואס ער האט געזאגט.

מוז מען אבער פארשטיין, אז דאס איז כמעט נישט נוגע דעם עיקר פראיעקט פון דעם רמב"ם. אמת, דער ראב"ד דינגט זיך אויף אסאך הלכות, אבער עס בלייבט נאכאלץ גרינגער צו זוכן א הלכה למעשה אין רמב"ם ווי צי זוכן אין דער גמרא. אפשר פארקערט, נאכדעם וואס דער ראב"ד האט געשריבן זיינע השגות אויפ'ן רמב"ם, קען מען שוין אפילו טרעפן אין דעם רמב"ם אליין אויך דער שיטת הראב"ד - און ביידע גייען אויפ'ן סדר פון דעם רמב"ם, און לויט די הלכות וואס ער האט אויסגעשטעלט. קומט אויס אז דער עיקר אויפטו וואס דער רמב"ם האט אויפגעטון האט ער אויפגעטון אפילו להחולקים עליו.

ענליך דארף לכאורה צו זיין אין דער נושא פון עיקרים. אפילו דער ראב"ד, למשל, וואס דינגט זיך אז הפשטה איז אן עיקר, דאך האט אונז דער רמב"ם אויפגעטון אז עס איז דא א מסודר'דיגע ליסטע וואו צו קוקן די עיקרים. און מען קען נאר צושרייבן ביי דעם דריטן עיקר, "כאן חולק הראב"ד." דאס איז למעשה די סיבה פארוואס, טראץ די אלע מחלוקות וואס איז דא אויף דעם, איז געבליבן סוגיין דעלמא די עיקרים פון דעם רמב"ם, וויבאלד אז ער האט דאס מסדר געווען.

## החולקים שאין עיקרים בתורה כלל

דא איז אבער געשען עפעס אנדערש ווי ביי די הלכות. ווייל אין הלכה, אפילו דער וואס דינגט זיך אויף א פרט אין הלכות שבת איז מסכים אז עס איז דא א קאטעגאריע פון הלכות שבת. און אפילו טאמער ער וואלט נישט געטראכט אזוי מסודר'דיג לאגיש שטערט אים נישט דאס וואס דער רמב"ם האט יא אזוי געטראכט, וויבאלד דאס מאכט לכאורה נישט קיין חילוק לגבי די פרטי ההלכות. אין דער נושא פון עיקרים איז אבער אנדערש. וויבאלד דער עצם געדאנק אז עס זענען דא עיקרים פאר דער תורה איז אליין תלוי אין דעם געדאנקענגאנג וואס טראכט אויף אלע ענינים לאגיש. קומען אנדערע און טענה'ן אז אויב אין חז"ל איז נישטא אזא מהלך המחשבה, איז נישט שייך בכלל צו מאכן א ליסטע פון עיקרי אמונות פון דער תורה. דאס הייסט, עס איז נישט שייך צו טראכטן וואס איז דער עיקר הכללי וואס פון דעם קומען ארויס די פרטים.

אזוי'וי דער געדאנק פון עיקרים איז געווען א חידוש פון דעם רמב"ם, איז אפילו עס זענען געווען גרויסע פולמוסים שוין בזמן הרמב"ם וועגן פארשידענע זאכן וואס ער האט געזאגט, האט די ליסטע פון עיקרים, זעט אויס, נישט געמאכט אזא גרויסער רושם ווי מיר וואלטן געמיינט. פאר בערך די ערשטע צוויי הונדערט יאר נאכדעם וואס דער רמב"ם האט זיי געשריבן טרעפן מיר נישט קיין שום דיון וועגן זיי. און אויך די גרויסע חסידים און חולקים פון דעם רמב"ם, ווי דער רמב"ן, ברענגען דאס בכלל קיינמאל נישט. עס איז שווער מוכיח זיין עפעס פון א שתיקה, אבער זעט אויס אז זיי

האבן נישט אנגענומען די רשימה בכלל פאר אן ענדגילטיגער רשימה פון עיקרי הדת, אויף דעם זעלבן אופן ווי מיר קוקן דאס אן. ערשט אסאך שפעטער אין דער צייט פון תלמידי הר"ן, בערך, הייבן מיר אן צו טרעפן א דיון איבער די עיקרים פון דעם רמב"ם. דער גרעסטער מסכם פון דעם דיון איז דער אברבנאל, וואס האט געשריבן דערויף א גאנצער ספר 'ראש אמנה', און דארט קען מען טרעפן רוב סברות וואס באלאנגען אין דעם ענין.

דער אברבנאל איז אויך דער ערשטער וואס נאכ'ן מאריך זיין מסביר צו זיין שיטת הרמב"ם און פארענטפערן אלע קשיות אויף אים, זאגט ער אז לפי דעתו איז בכלל נישטא אזא זאך ווי עיקרים אין אידישקייט! נאך אים זענען שוין געקומען פארשידענע אחרונים וואס גייען אין דער זעלבער שיטה, ווי דער רדב"ז, דער מהרש"ל, דער מהרי"ל, און דער חתם סופר. די שיטה איז לכאורה שווער צו פארשטיין: האלטן דען די אלע אחרונים אז עס איז נישטא קיין זאכן וואס א איד מוז גלייבן? אוודאי יא. נאך מער פון דעם, האלטן זיי דען נישט אז עס זענען דא זאכן וואס אויף זיי שטייט גאנץ אידישקייט? למשל, טאמער גלייבט מען נישט אין גאט, האט דאך נישט קיין זין צו טון קיין שום מצוה. עס איז זיך נישט מעגליך צו דינגען אויף דער פאקט.

אבער נאך וואס מיר האבן אראפגעלייגט דער חידוש פון דעם רמב"ם, קען מען פארשטיין וואס די מתנגדים עליו האבן געוואלט. דער אברבנאל שרייבט דאס קלאר אזוי. דער רמב"ם האט געזען אז אלע חכמות בויען זיך פון הנחות, דהיינו אקסיאמען - א פאזיציע וואס איז קלאר אנגענומען אלס אמת וואס פון דעם קען מען בויען ווייטער. ווען מען לערנט סיי וועלכע חכמה חיצונית הייבט מען אן מיט'ן פארשטיין די פשוט'ע הנחות און יסודות אויף וואס דאס איז געבויט, און וואס פון זיי קען מען מוכיח זיין אלע אנדערע חלקים פון דער חכמה. די הנחות זעלבסט ווערן אדער אליין אויפגעוויזן אין אן אנדערע חכמה, אדער זענען זיי מושכלות ראשונות וואס דארפן נישט קיין הוכחה. וועגן דעם האט דער רמב"ם געוואלט אז די תורה אליין זאל אויך זיין געבויט אויף אזא לאגישן סדר, אז פון געוויסע הנחות בויט זיך ארויס די גאנצע תורה. אבער, זאגט דער אברבנאל, דער צושטעל איז א טעות. די תורה איז נישט קיין חכמה וואס מען דארף אויפווייזן. די תורה איז אמת וויבאלד יעדער פרט שבה איז מפי הגבורה. ממילא איז נישט שייך צו זאגן אז די מצווה איז א פרט וואס קומט ארויס פון א צווייטער מצוה, נאר יעדע מצוה און יעדע אמונה פאר זיך איז אמת וויבאלד זי איז געקומען פון דעם אויבערשטן.

די נקודה פון דעם אברבנאל איז נישט נאר אז די תורה איז נישט קיין חכמה וואס דארף עיקרים איר אויפצואווייזן וויבאלד זי איז מפי הגבורה, נאר עס גייט אסאך טיפער. לויט אים איז די תורה נישט אזא סארט חכמה וואס בויט זיך בכלל פון אן עיקר און א טפל. עס זענען טאקע פארהאן חכמות וואס ארבעטן אזוי, אבער די חכמת התורה ארבעט נישט אזוי. דער וועג וואס די חכמת התורה ארבעט איז נישט מיט א לאגישע היערארכיע וואס זאגט אז מען דארף לייגן תפילין וויבאלד דער אויבערשטער האט געהייסן. דאס הייסט, נישט אז עס איז דא איין הנחה וואס זאגט אז עס איז דא א באשעפער, נאך א הנחה וואס זאגט אז ער האט געגעבן א תורה, נאך א הנחה וואס זאגט אז אין דער תורה שטייט אז מ'זאל לייגן תפילין. ממילא, לפי די אלע הנחות, קומט אויס די מסקנה אז מען דארף לייגן תפילין. נישט אזוי ארבעט די תורה, נאר דאס תפילין-לייגן אליין איז גלייך ריכטיג וויבאלד זי איז א מצווה אלוקית. דאס איז אייגנטליך נענטער צו דעם מהלך המחשבה פון חז"ל וואס טראכטן נישט מיט לאגישע כללים, וויבאלד ביי זיי איז דער חשיבות און ערך פון איסור הוצאה בשבת נישט עפעס א פועל יוצא פון א הנחה אז עס איז דא שבת וואס איז א פועל יוצא פון דער הנחה אז מען דארף היטן מצוות וכו'. נאר די מעשה פון נישט טראגן שבת האט שוין אין זיך אליין דער גאנצער חיות און קיום פון דער זאך, און עס מוז נישט אנקומען צו נאך א הוכחה.

# כל התורה כולה שמותיו של הקב"ה

פאר אונז מענטשן וואס זענען געוואוינט צו טראכטן אלעס אין לאגישע הנחות איז דאס אלץ זייער שווער צו פארשטיין: בסופו של דבר איז דאך ווייטער ריכטיג אז עס איז דא א הנחה און א מסקנה. אויב אזוי, וואס העלפט עס מיר צו זאגן

אז די תורה ארבעט נישט אזוי אויב עס ארבעט יא אזוי.

קענען מיר דאס אביסל בעסער מסביר זיין מיט דער קבלה'דיגער תפיסה פון דער תורה, ווי דער רדב"ז איז מסביר דעם ענין. קבלה זאגט אויף דער תורה א ווארט, 'כל התורה כולה שמותיו של הקב"ה.' דער טייטש פון דעם ווארט איז, אז נישט ווי עס זעט אויס אין פשט אז אין תורה איז דא סתם פשוט'ע ווערטער און מעשיות, און דערנאך זענען דא ווערטער וואס זענען שמות ה', ווי הוי"ה און אלקים. נאר יעדעס ווארט אין דער תורה איז אליין א נאמען פון גאט. ווען מען זאגט דאס אביסל מער שורש'דיג, הייסט דאס אז ווען דער מקובל זאגט אז כל התורה מן השמים, איז נישט פשט עס איז דא א גאט, און ער האט געגעבן די תורה. נאר די תורה איז אליין פון אנפאנג ביז'ן סוף א חלק פון גאט, דער נאמען פון גאט.

אויב אזוי, פאסט נישט בכלל צו זאגן אז עס איז דא אין אידישקייט עיקרי אמונה, דהיינו ענינים פון געטליכקייט, און אז פון דעם קומען ארויס ענינים וואס זענען נישט עיקרי אמונה, ווי לייגן תפילין. נאר דער תפילין אליין דאס איז א טייל פון גאט; יעדע מצוה אין דער תורה און יעדע מעשה אין דער תורה איז אליין חלקים און גילויים פון געטליכקייט. אין אנדערע ווערטער, דער מקובל איז אוודאי מודה אז דער מציאות פון גאט איז חשוב'ער פון די פרטי המצוות, פונקט ווי דער רמב"ם זאגט. אבער ווען דער רמב"ם פידט אויס אז אויב אזוי זענען די אלע מצוות נאר ענפים, שרייט דער מקובל, ניין, ווי קען מען זאגן הילוקים אין געטליכקייט? יעדער פרט אין דער תורה איז אן עיקר, דהיינו זי איז א גילוי פון געטליכקייט זעלבסט. ▪

---

בית מדרש עיון למחשבה פארמאגט צוויי לאקאלן אין בארא פארק און אין מאנסי. דער בית מדרש זוכט פרישע חברים וואס האבן א טעם אין די נושאים און וואס זענען למדנים צו לערנען בעיון און פארשטיין. אויך זיך איינשרייבן פארבינדט זיך מיט'ן ראש הבית מדרש, הרב יצחק לאווי.


# שליסט זיך איין אין דער אינטערנאציאנאלער קהילה פון די אידיש-ליבהאבערס איבער דער גארער וועלט

נעמט אן אינטערנעץ קלאס
ביים ארבעטער-רינג
מיט אנגעזעענע אידיש לערערס:

- **יצחק ניבארסקי (פאריז)**
די אומנסירטע יידיש גראמאטיק
- **אברהם ליכטעמ ים (ארגענטינע)**
יידישע ליטעראטור דורך דער יידישער געשיכטע:
יידישעתויץ פון 19טן און 20סטן יארהונדערט
- **געגאדי עסטרייך (ענגלאנד)**
שלום אש'ס "אמעריקע"
- **מרים טרינה (ישראל)**
אברהם סוצקעווער'ס פראזע און פאעזיע
- **דוד פישמאן (ניו יארק)**
ווילנע - ירושלים דליטא - די געשיכטע פונעם יידישן צענטער.
- **דוב-בער קערלער (אינדיאנא)**
יידישער פאלקלאר און יידישע דיאלעקטן
- **בארים סאנדלער (ניו-יארק)**
יידישע מיניאטורןוי א ליטעראַרישער זשאנער

אלע קורסן לערנט מען נאר אויף אידיש!

שוין צייט מיר צו פארטיפן
אין מאמע-לשון!

פאר מער פרטים גייט דא:
/https://circle.org/what-we-do/yiddish-language/online-yiddish-class-descriptions

פראגעס? רופט נח בארערא:
212-889-6800 צוגאב 817